בס"ד

שבת ראש חודש

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

קרח

ל' סיון תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:30 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:16 | סוז"ת א' | 9:45 |
| סוזק"ש ב' | 9:09 | סוז"ת ב' | 10:20 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': צ

שנה ב'


## טיב הפרשה

# דער כח פון א סביבה

## ויקח קרח

די וואכנדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי ודתן אבירם' און די תוה"ק דערציילט דארט וואס קרח האט גענומען און די קריג וואס עס האט אויסגעבראכן וועגן דעם.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק פארוואס די תוה"ק שרייבט ארויס אז ער האט געוואוינט נעבן דתן מיט אבירם און און בֶּן פֶּלֶת.

רש"י גיבט צו פארשטיין אז די תוה"ק וויל אונז דא אויס־לערנען דער דערהער פון 'אוי לרשע ואוי לשכנו', אז ווייל זיי האבן געוואוינט איינער נעבן די אנדערע האט איינער געהאט א השפעה אויף די אנדערע, און וועגן דעם ווערט אין די זעלבע פסוק דערמאנט קרח מיט דתן ואבירם צו וויזן אז איינער האט געברענגט דעם צווייטן.

די תוה"ק וויל אויסלערנען א איד איבער די השפעה פון א גוטע סביבה און פון גוטע שכנים, אז עס האט אין זיך א גרויסן כח.

דער לימוד גייט אויך אויף ביידע זייטן. די תוה"ק שרייבט אויך רש"י אין פרשת במדבר [ג.לח] אז אדאנק די שכינות פון יששכר און זבולון מיט משה רבינו האבן זיי זוכה גע־ווען אויסצוואקסן גדולי תורה און עס איז ארויסגעקומען פון זיי די סנהדראות ווי דער פסוק זאגט עדות ומבני יששכר יודעי בינה לעתים, מאתיים ראשי סנהדראות, ומ־זבולון מושכים בשבט סופר.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם כאפט עס א שרעק. מען רעדט דאך פון גרויסע מענטשן, פון אזעלכע געהויבענע אידן וואס האבן זוכה געווען צו הערן דער 'אנכי ה' אל־קיך' פון דער באשעפער אליין, אבער ווייל זיי האבן זיך געפינען אין א שלעכטע סביבה זענען זיי געווארן נאכג־עשלעפט נאך זיי און פארפאלן געווארן ה"י.

אז אזא זאך האט געקענט פאסירן ביי אזעלכע גדולי עולם דארף עס זיין א לימוד פאר אונז. מיר דארפן עס וויסן און געדענקען אז אפילו אויב מיר זענען ערליך און אפגעהיטן דארף מען

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### בקֵר וְיֹדַע

אויפן הייליגן בריסקער רב, הגאון רבי יצחק זאב זצוק"ל, ווערט דערציילט, אז בסוף ימיו האט ער געררעדט מיט זיינע קינדער איבער פארשידענע הנהגות פון זיין לעבן, און אט דער שמועס איז געווען פאר זיי אזוי ווי א צוואה. אין יענעם געלעגנהייט האט ער זיי געזאגט, אז אויף זאכן וואס ער האט נישט געטון, דאס הייסט אז ער האט זיך איינגעהאלטן און האט עס נישט געטון, האט ער קיינמאל נישט חרטה געהאט, אבער אויף די זאכן וואס ער האט יא געטון האט ער אלץ מלבן געווען און איבערגעטראכט נאכאמאל און ווידעראמאל צי ער האט גוט געטון אדער נישט.

דער זאך לערנען מיר פון משה רבינו, וואס ער האט געזאגט צו קרח און זיין געמיינדע 'בֹּקֶר וְיֹדַע ד' אֶת אֲשֶׁר לוֹ', אזוי ווי רש"י איז מפרש אז משה רבינו האט זיי געזאגט אז יעצט איז א צייט וואס מען איז שיכור און אומקלאר און עס איז נישט ריכטיג זיך יעצט צו וויזן פאר אים, דעריבער זאל מען ווארטן ביז אינדערפרי, אבער אינ'אמת'ן האט ער זיי געוואלט אפשטופן וויל מעגליך וועלן זיי צוריקציען. ביז אהער פון רש"י. זעען מיר פון זיינע הייליגע ווערטער, אז משה רבינו זאגט פאר די עדת קרח, אז זיי זאלן עס 'לאזן איבערשלאפן א נאכט', מעגליך וועלן זאכן ווערן אנדערש, ווייל צומאל אין איילעניש ווערן זאכן געזאגט אדער געטון וואס דערנאך האט מען חרטה דערויף, און ווי מען פארשטייט אליין האט משה רבינו, דער געט־רייער פאסטוך, נישט געוואלט אז אידישע קינדער זאלן געשטראפט ווערן אויף עפעס וואס איז געטון געווארן אין איילעניש אן איבערצוטראכטן.

אזוי זענען באוואוסט פילע עובדות פון גדולי ישראל וועלכע האבן זיך באשעפטיגט אין חינוך, וואס ווען זיי האבן געוואלט באשטראפן אדער אויס'מוסר'ן א תלמיד, האבן זיי דאס נישט געטון אין א צייט וואס מען איז אין כעס, וויבאלד דעמאלטס טוט דער דעת נישט געגוג שולט זיין, און דעמאלטס קען אויסקומען אז דער שטראף אדער מוסר־רייד איז מער ווי דאס וואס עס וואלט געדארפט זיין, נאר זיי האבן געווארט א שטיק צייט, ביז זיי האבן קלאר געוואוסט אז זיי וועלן נישט רעאגירן מיט כעס נאר מיט א קלארע און ריינע מחשבה, און דעמאלטס גייען שוין אויך די ווערטער אריין אינעם הארץ פונעם צוהערער און טוען אויף די ריכטיגע פעולה.

אזוי דארפן מיר אויך וויסן, אז יעדן מאל וואס א מענטש האט א ספק וואס צו טון אדער צי ער זאל טון א געוויסער זאך, איז דער ענטפער: 'וואַרט'! פשוט צו ווארטן ביז דער ענטפער וועט קלאר ווערן ביי אים, און אויב איז מען נאכנישט אנקומען צו קיין קלארע החלטה, איז 'שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה עָדִיף', און אזוי איז אויך ביים מלחמת היצר, וואס ער וויל אין יעדן רגע מכשיל זיין דעם מענטש מיט אלע עבירות אין די תורה און ער רעדט אים איין צו אלע תאוות. איז דאס ערשטער זאך, אז מען זאל אים אפשטופן אויף מארגן, זאגנדיג צו אים: הער יצר הרע, ווארט מיר ביטע ביז מארגן, לאז מיך עס איבערשלאפן א נאכט און מארגן וועלן מיר שוין זען וואס צו טון. געווענליך, ביז דעמאלטס האט זיך שוין אויסגעוועפט די כעס און תאוה, און ווען עס קומט אינדערפרי, וואס דעמאלטס איז א צייט פון קלארקייט, וועלן מיר זיך קענען גרינגער שטארקן איבער אים.

(עפ"י טיב התורה – קרח)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320


יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זיך אבער אפהיטן פון א שלעכטע סיבה.

עס איז נישט גענוג אז מען היט זיך פון א שלעכטע סביבה, נאר מען דארף זיך אויך דערווייטערן פון זיי, ווי חז"ל זאגן אונז אן "הרחק משכן רע" – דערווייטער זיך פון א שכן רע.

ווי ריכטיג איז דער באקאנטער זאץ וואס מען זאגט אייביג איבער א שלעכטע סביבה: מער ווי דו ביסט מתפלל אז דיין קינד זאל גיין אין דעם ריכטיגן וועג – זיי מתפלל אז די חברים פון דיינע קינדער זאלן גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג – ווייל די השפעה פון די חברותא אדער די סביבה איז נאך שטערקער.

עס איז באקאנט די ווערטער פון דעם הייליגן רמב"ם אין הלכות דיעות [פ"ו הלכה א'] און מיר ברענגען עס דא אראפ וז"ל: 'דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר רעיו וחבריו נוהג כמנהג אנשי מדינתו, לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמוד ממעשיהם, הוא ששלמה אומר: 'הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע', ואומר: אשרי האיש וגו', וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים, ואם היו כל המדינות שהוא יודעם ושומע שמועתן נוהגים בדרך לא טובה כמו זמנינו, או שאינו יכול ללכת למדינה שמנהגותיה טובים מפני הגייסות או מפני החולי, ישב לבדו יחידי כענין שנאמר: 'ישב בדד וידום', ואם היו רעים וחטאים שאין מניחים אותו לישב במדינה אלא אם כן נתערב עמהן ונוהג במנהגם הרע יצא למערות ולחוחים ולמדברות, ואל ינהיג עצמו בדרך חטאים כענין שנאמר: 'מי יתנני במדבר מלון אורחים', עכ"ל.

די כח פון א סביבה איז אין לשער ואין לתאר. איך האב געקענט א איד וואס האט איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט קריג און ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א הערליכער דור. ווען מען האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט זוכה געווען דערצו האט ער געזאגט אז זיין זיידע האט אים איבערגעלאזט א צוואה אז ער זאל אייביג וואוינען צווישן ערליכע אידן.

די צוואה איז אריין אין זיינע ביינער און טראץ וואס נאכ'ן קריג האט ער געהאט שווערע נסיונות און זיך געוואלט אפרייסן פון ערליכקייט, ווי עס איז ליידער דעמאלטס געווען דער שטייגער פון אסאך אידן, האט ער זיך געהאלטן פעסט און זיך גע'עקשנ'ט אויף א געגענט וואו עס וואוינען ערליכע אידן און זוכה געווען אויפצושטעלן א הערליכער דור.

פון א צווייטן איד האב איך געהערט אז נאך די קריג איז ער געווען שוואך אין אידישקייט אבער פון זיין זיידע האט ער געהאט אן אנזאג אז זיינע קינדער זאלן רעדן נאר אידיש. זוכנדיג נאך א מוסד וואס רעדט אידיש האט ער בעל כרחך געמוזט איינשרייבן זיינע קינדער אין ערליכע מוסדות'ער און אזוי ארום איז ער ניצול געווארן און ערצויגן ערליכע דורות.

די אלע דערמאנטע געשעענישן געבן ארויס די דערמאנטע נקודה אז די סביבה און די חברותא האט אַן אויסטערלישע השפעה אויפ'ן מענטש און ווי חז"ל זאגן אונז שוין: "כל המחובר לטהור טהור" און ווייל עס האט א גרויסע השפעה דארף מען לייגן אויף איר א שטארקע געוויכט.

דאס איז סיי ווען עס רעדט זיך פון ווען מען גייט באשטימען וואו מען גייט זיך באזעצן און אין יעדן פאל, אויך ווען עס רעדט זיך פון באשטימען א פלאץ וואו מען גייט זיצן אין שול.

מען דערציילט אז אין די יונגע יארן פון הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאן זצ"ל פון לעלוב פלעגט ער דאווענען אין א שול וואו עס איז געווען א גרופע אידן וועלכע זענען געווען שטארק געשלאגן אין רעדןביים דאווענען. מען האט פרובירט צו מאכן תחבולות אז זיי זאלן אויפהערן אבער עס האט נישט מצליח געווען.

איין טאג איז אים בייגעפאלן אז עס וועט זיין א ראטזאמער זאך אז ער זאל זיך זעצן צווישן זיי. די גרופע וועט זען אז דער רבי זיצט צווישן זיי וועט עס זיי נישט פאסן צו רעדן. ער האט זיך אוועקגעזעצט צווישן און וואונדערליך אז עס האט אנגעהויבן הערשן א שטילקייט צווישן זיי.

אין ליכט פון די גרויסע הצלחה איז יעדער געווען זיכער אז פון היינט און ווייטער וועט דער צדיק אייביג בלייבן זיצן נעבן זיי, אבער וואונדערליך אז נעקסטער שבת איז דער צדיק צוריק צו זיין פלאץ.

ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער זיצט מער נישט דארט האט ער געזאגט אז ער האט געשפירט ביי זיך אז אויב ער בלייבט דארט זיצן נאך איין שבת וועט ווערן א טייל פון זיי, ווייל אזוי גרויס איז דער כח פון א סביבה, אז עס שלעפט נאך דער מענטש.

יהי רצון אז דער באשעפער זאל העלפן אז מען זאל זיך קענען היטן פון א שלעכטע סביבה און בלייבן אפגעזונדערט פון זיי און זען לעכטיגע דורות.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# שְׁאֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו

די מעשה האט פאסירט מיט עטליכע יאר צוריק ווען דער צדיק רבי לוי ראבינאוויטש זצ"ל איז נאך געווען בחיים חיותו.

די מעשה געבט ארויס ווי אזוי פון הימל היט מען אפ ערליכע אידן.

ומעשה שהיה אז הגר"ל איז אמאל געזעסן ביי זיך אין שטוב און געלערנט. זיצנדיג אזוי האט ער אנגעהויבן שפירן א שטארקע שוואכקייט. זוכנדיג מיט וואס ער קען זיך דערכאפן דאס הארץ האט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין ארט און איז ארויס אין א צווייטער צימער צו זוכן עפעס וואס זאל אים דערקוויקן און געבן כח.

אין יענע רגע האט זיך מיטאמאל געהערט א שטארקער זעץ אין שטוב. גלייך איז מען געקומען צולויפן צוזען וואס איז דער קול. מען האט באמערקט אז פון דאך איז אראפגעפאלן א לעקטער.

נאר יעצט האט מען געכאפט וואספארא נס עס איז געווען, און אז די חולשה וואס עס האט אים אנגעכאפט איז געווען לטובה.

[דערציילט דורך מורינו הרב שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922



# ענוה און גוטע מידות ברענגען שלום און אחדות (א)

**"וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת פִּיהָ וגו', וַיֵּרְדוּ הֵם וְכָל אֲשֶׁר לָהֶם חַיִּים שְׁאֹלָה, וַתְּכַס עֲלֵיהֶם הָאָרֶץ" (טז, לב-לג)**

פארוואס זענען קרח און זיין געמיינדע געשטראפט געווארן מיט אזא הארבער שטראף, אז די ערד האט געעפנט איר מויל, און זיי מיט אלעס וואס האט באלאנגט צו זיי זענען אראפ לעבעדיג אין גרוב, און די ערד האט זיי באדעקט, פארוואס זענען זיי נישט געשטארבן דורך אן אנדער טויט, און מען וואלט זיי געמאכט א גרויסן 'לויה' מיט א מספד התעוררות כדי מען זאל הערן און זיך לערנען, דעם עונש פון די וועלכע זענען מחזיק במחלוקת און וידערשפעניגן דאס באפעל פון משה רבינו.

נאר, מען קען דאס ערקלערן בעזרת השי"ת, לויט די ווערטער פונעם פסוק אין פרשת בהעלותך (לעיל יב, ג): "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד, מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה". פון דעם זעען מיר, אז יעדן מענטש וואס געפינט זיך אויף דער ערד איז גרעסער ווי משה, וויבאלד ער איז געווען מער אן עניו ווי יעדער באשעפעניש וואס געפינט זיך אויף דער ערד.

דעריבער פארשטייט מען זייער גוט, אז ווען קרח און זיין געמיינדע האבן זיך געקריגט קעגן די הנהגה פון משה רבינו, און מען האט זיי געדארפט אונטערטעניגן אונטער אים, כדי צו מקיים זיין דער רצון ה' מיטן אויפהאלטן זיין קעניגרייך צווישן אידן, האט מען זיי געדארפט אראפנידערן אונטער די ערד, ביז די ערד האט זיי באדעקט, און נאר דעמאלטס האבן זיי זיך געפינען נידעריגער ווי משה דער עניו וועלכער האט זיך געפינען איבער די ערד...

זעען מיר פון דעם אלעם, די געהויבענע מדת הענוה פון משה רבינו ע"ה, וואס ער איז געווען דער שורש הענוה ביי אידן. און מיט אט די מדה בארימט זיך דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל, אין זיינע לויב-געזאנגען (קמט, ד): "כִּי רוֹצֶה ה' בְּעַמּוֹ, יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה". – די פראכטפולע מדה פון ענוה וועלכע טוט צוברענגען אחדות ביי אידישע קינדער, צו דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, מיט אהבת ישראל וואס איז מְקַלְקֶלֶת הַשּׁוּרָה. איך אז מען זאל זיך דערווייטערן עד קצה האחרון פון יעדן סרך פון מחלוקת, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן אין די פרשה פון די וואך (יז, ה) מיט די מצוה: "וְלֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ", וואס אט די מצוה איז מחייב יעדער איד אז ער זאל נישט אנהאלטן אין מחלוקת, נאר מען זאל זיך דערווייטערן דערפון אזוי ווי פייל פון בויגן (סנהדרין קי. ספהמ"צ להרמב"ם שרשים (שורש ח), רמב"ן בהשגות שם, לאוין מה, ספר יראים סי' שנ"ז, ועוד).

[מתוך שיחה לבחורי מיר ובריסק, ג' תמוז תש"ס]

->•<-

הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצוק"ל זי"ע, באוואוסט אלס רבי שלאָמקע, האט אמאל דערציילט צו זיין געטרייער משמש הרב החסיד המפורסם רבי אלי' ראטה זצ"ל, איבער א איד וועלכער האט געוואוינט אין זיינע צייטן אין די שטאט זוועהיל, וועלכער האט געהאט דריי טעכטער וועלכע זענען שוין אנגעקומען לפרק האשה נישאת, ער האט אבער נישט געהאט קיין געלט זיי צו חתונה מאכן. האט זיך דער איד געזעגנט פון זיין הויזגעזינד און האט זיך ארויסגעלאזט איבער די וועגן, פון שטאט צו שטאט, און געקלאפט טירן פון הארציגע אידישע קינדער, ביז עס איז אים געלונגען בסיעתא דשמיא און ער האט דערגרייכט די סומע וואס ער האט געדארפט האבן חתונה צו מאכן די דריי טעכטער.

ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען קיין זוועהיל, איז געווען ערב שבת קודש, און עס איז נאך גארנישט געווען אינדערהיים לכבוד דעם שבת המלכה וואס שטייט שוין ביים שוועל. דא האט איינער געקלאפט אין טיר און ער האט אים געגעבן געלט לכבוד שבת קודש. אבער דא האט ער זיך גענומען טראכטן: אונזערע הייליגע חכמינו ז"ל זאגן דאך אין די גמרא מסכת ביצה פרק ב' (טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה. שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ".

זעען מיר דאך קלאר פון די ווערטער פון די גמרא, אז די הוצאות פון שבת קודש גייען נישט אריין אין כלל פון די שפייז וואס איז באשטימט פארן מענטש, נאר פארקערט, אויב מען איז מוסיף און מען גיבט אויס מער, וועט מען אים צוגעבן מער! אויב אזוי, האט ער געמאכט דעם חשבון, מעג ער דאך נוצן די געלט וואס ער האט צוזאמגעקליבן, פאר די הוצאות פון שבת קודש, טראצדעם וואס עס איז באשטימט פאר חתונה מאכן זיינע טעכטער, און ער וועט אוודאי גארנישט דערלייגן דערפון.

מיט ריינע אמונה און שטארקע בטחון אז עס וועט חלילה נישט פארמינערן ווערן אפילו איין ווארט פון די הייליגע גמרא, איז ער געגאנגען און האט איינגעקויפט מיט די געלט מכל טוב לכבוד שבת קודש, און האט נאך צוגעגעבן און זיך איינגעהאנדלט א שפע פון בָּשָׂר וְדָגִים וְכָל מַטְעַמִּים לִכְבוֹד שַׁבָּת הַמַּלְכָּה.

דערנאך האט ער געמאכט צו זיך נאכאמאל א חשבון, אז אויב גייען די הוצאות סיי-ווי נישט אריין אינעם חשבון, קען מען דאך מיט די געלט אויך לאדענען פילע געסט... כדי אז עס זאל זיין גרייט און ברייט צו עסן פאר אלע איינוואוינער פון די שטאט זוועהיל, אויך פאר די ארימעלייט און נויטבאדערפיגע...

אזוי האט ער זיך געפירט פאר פילע שבתות, ביז די ארימעלייט פון זוועהיל, און אויך די געסט וועלכע זענען אנגעקומען אין שטאט, האבן זיך צוגעוואוינט, אז מען קען קומען יעדן שבת קודש און יום טוב צו עסן די הייליגע סעודות ביי זיין טיש ביד רחבה.

און אט – האט רבי שלאמקע געענדיגט זיין מעשה – אין א תקופה ארום האט זיך געענדיגט די גאנצע געלט וואס ער האט געזאמלט כדי חתונה צו מאכן זיינע טעכטער. אבער צום גרויסן וואונדער, זענען ווייטער געקומען יעדן שבת צו זיין טיש פילע ארימעלייט און געסט, און אויך האט ער חתונה געמאכט זיינע טעכטער בכבוד! און דערמיט איז ווירקליך מקוים געווארן די הבטחה פון די הייליגע חז"ל אז "אם מוסיף מוסיפים לו"!

אין די שבעה-טעג נאכן הסתלקות פונעם הייליגן זוועהילער צדיק, האט מען געבעטן זיין געטרייער משמש, רבי אלי' ז"ל, אז ער זאל אביסל דערציילן פון וואס ער האט געהערט און מקבל געווען פון זיין הייליגן רבי'ן. צווישן אנדערע, האט ער אויך דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה, וואס דער רבי האט אים דערציילט איבער אן איש מסוים אין די שטאט זוועהיל. ווען זיין זון און ממלא מקומו, הרה"ק רבי גדליה משה זצוק"ל, האט דאס געהערט, האט ער אים מגלה געווען אז אט דער 'איד וואס דער צדיק האט געקענט אין זוועהיל', איז נישט געווען קיין אנדערער ווי דער הייליגער רבי, רבי שלמה זעלבסט, וואס צוליב זיין געוואלדיגע ענוה האט ער זיך באהאלטן ווי זיין שטייגער, און דאס דערציילט אויף 'עפעס א געוויסער מענטש', כדי צו לערנען דעם עולם זיך צו פארזיכערן אין די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים.

און רבי גדלי' משה האט געזאגט: איך געדענק נאך גוט אלע איינצלהייטן פון די מעשה, וויאזוי איינער פון די משפחה האט זיך ארויסגעלאזט אויף די וועגן, צו זאמלען געלט כדי צו חתונה מאכן די טעכטער, און מיט גרויס מי און פלאג איז אים געלונגען צו פארשאפן א סומע געלט דערצו, און מיין הייליגער טאטע האט אויסגעגעבן די גאנצע געלט פאר הוצאות שבת און צו צושטעלן עסן פאר די פילע געסט כדרכו בקודש, און פון דעמאלטס האט ער קיינמאל נישט אפגעשטעלט זיין דאזיגן מנהג, אריינצונעמען פילע געסט צו עסן ביי זיין טיש אום שבת קודש, און אויך בסוף ימיו ווען ער איז ארויפגעגאנגען צום הייליגן לאנד און האט זיך באזעצט אין ירושלים עיר הקודש ווי באוואוסט, האט ער ווייטער פארגעזעצט דערמיט, און ער האט חתונה געמאכט אלע זיינע זין און טעכטער בכבוד.

וּלְעִנְיָנֵנוּ, וואס קענען מיר זיך אויסלערנען פון אט די מעשה? טאקע ריכטיג, אז דעם ערשטן טייל, פון אויסגעבן אלע געלט פאר צדקה, איז טאקע גאר א געהויבענע מדריגה, אינעם געוואלדיגן בטחון פון צדיקים וקדושי עליון, וועלכע זענען דבוק אין די שכינה הקדושה אין יעדער צייט.

אבער דעם צווייטן טייל פון אט דעם געהויבענעם מעשה, דאס קענען מיר און מיר דארפן עס גוט אפלערנען, זיך צו שטארקן אין די מדה פון ענוה, און נישט לויפן און דערציילן אלע גוטע זאכן וואס מען האט געטון, כדי זיך צו בארימען מיט זיין שיינקייט און גוטסקייט (לויט ווי מיר רעדן זיך איין...) – נאר מען זאל יין מיט "הַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹקֶיךָ"! (מיכה ו, ח).

[שם]

->•<-

עס האט מיר דערציילט הרב הגאון רבי יודל ראבינאוויטש זצ"ל, בעל ספרי 'כרם חמד', א תלמיד נאמן פון זיין רבי'ן, הגאון מטשיבין זצוק"ל בעל דובב מישרים. דער רבי יודל איז געווען פון די נאנטע מקורבים ביים הייליגן טשעבינער רב, און האט זוכה געווען אים משמש צו זיין און זיך אסאך צו לערנען ביי אים, וויבאלד ער האט זוכה געווען צום טיטל 'שר התורה והענוה'.

נישט נאר פלעגט רבי יודל שטענדיג נאכזאגן וואונדערליכע דברי תורה און

המשך אין עמוד ד' >|

געוואלדיגע גאונות פון זיין רבי, נאר ער פלעגט אויך דערציילן מורא'דיגע מעשיות פון אים, וויבאלד מיט זיין קלוגשאפט האט ער אויך אכט געלייגט אויף גאר איידעלע פונקטן, וועלכער זיין רבי, דער גרויסער גאון און צדיק, האט פראבירט מיט אלע כוחות צו פארהוילן און באהאלטן פון מענטשן, צוליב זיין געוואלדיגע ענוה.

און דאס ברענגט אונז צום פאלגנדן ערציילונג, וואס איך האב געהערט, ווי געזאגט, פון רבי יודל אליין:

די וועגן וויאזוי דער טשעבינער רב זי"ע האט געפירט זיין לעבן, האט געטראגן מיט זיך א 'תורה שלימה'. וויבאלד ער האט געהאט גאר אויסגעארבעטע מידות באקרוינט מיט די איידעלע מדה פון ענוה, וועלכע איז דער שורש פון אלע מידות טובות. יעדע פעולה, תנועה און ווארט פונעם גאון האט געטראגן מיט זיך א גאנצן לימוד פאר די תלמידים, וואס דערפון זעט מען וויאזוי עס פירט זיך א תלמיד חכם וועלכער איז אויסגעצייכנט מיט מידות מתוקנות, זייענדיג א תורה מפוארה בכלי מפואר! – ער איז געווען די מוסטער פון אן 'אדם הישר', אויף וועמען דער פסוק זאגט עדות (קהלת ז, כט): "אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים"... וויבאלד די צדיקים האבן אינגאנצן מבטל געווען די רעכענונגען וואס האט צוטומלט די מענטשהייט, און האבן זיך פעסט אוועקגעשטעלט אויפן דרך הישר, געניי ווי דער אויבערשטער האט געמאכט דעם מענטש.

וויבאלד רבי יודל איז געווען א משמש בקודש ביים רב אינדערהיים, האט ער פון מאל צו מאל זוכה געווען צו עסן צוזאמען מיט אים ביי זיין טיש. דער רב, זייענדיג זייער אן איידעלער אין נאטור, איז ווען מען האט אים דערלאנגט זיין מאלצייט, האט ער גענומען דעם לעפל אין האנט צום עסן, און נאך איידער ער האט אנגעהויבן צו עסן פונעם געקעכטס, האט ער דערנענטערט דעם לעפל צו זיינע אויגן, און באטראכט אויב עס איז ריין פון אלע זייטן. און דא האט ער באמערקט אז עס איז נישט אינגאנצן ריין, אבער מיט זיין שטארקע ריינקייט און אפגעהיטנקייט אינעם כבוד פון די חשוב'ע רעבעצן ע"ה, האט ער נישט געוואלט בעטן אז מען זאל אפוואשן פאר אים דאס לעפל, אויך האט ער נישט געוואלט בעטן אן אנדער לעפל, טאמער וועט די רעבעצן פארשעמט ווערן, פארשטייענדיג אז עס נישט געווען א ריין לעפל.

דעריבער, האט ער מיט זיין גאונות געטראפן גאר א פשוט'ן עצה. ער האט גענומען דעם לעפל אין האנט, אזוי ווי ער גייט יעצט אנהייבן עסן, און ווען קיינער האט נישט באמערקט [אויסער דעם געטרייען תלמיד רבי יודל], האט ער זיך גענומען אריינשטופן דעם לעפל אין זיין ערמל [ארבל/בית-יד], ביז מען האט עס שוין מער נישט געקענט זען. דערנאך האט ער זיך איידל אויפגעהויבן פון זיין פלאץ, און איז אריינגעגאנגען פאר א מינוט אין קאך, אזוי ווי ער וויל זיך נאר אפוואשן די הענט... און אזוי וואשנדיג די הענט האט ער ארויסגעשלעפט דעם לעפל, און עס גוט אפגעוואשן... און דערנאך האט ער עס צוריק אריינגעשטופט אין זיין ערמל, און האט זיך אפגעוואשט די הענט אינעם האנטוך.

שטילערהייט איז דער טשעבינער רב צוריקגעגאנגען צו זיין פלאץ, און אזוי אראפלאזנדיג זיין האנט איז דער לעפל צוריק גרינג ארויסגעקומען, און אט זיצט דער רב ביי זיין פלאץ און עסט מיטן לעפל אזוי ווי יעדער, אנדעם וואס די רעבעצן, וועלכע איז געזעצן צוזאמען מיט אים ביים טיש, זאל עפעס באמערקן!!!

איבער דעם געוואלדיגן גאונות פונעם טשעבינער רב אין תורה, האט שוין יעדער געהערט! אבער דא האבן געלערנט א באלערנדער פרק איבער זיין גאונות אין תיקון המידות!

[פרטית ו טבת תשע"ג]

->•<-

צוריק מיט עטליכע יאר, האב איך געדארפט דורכגיין א געוויסע מעדעצינישע באהאנדלונג, און דערנאך האט מיר דער דאקטער באשטימט עטליכע פיזיאטראפישע איבונגען (תרגילים), כדי צוריקצובריינגען די באוועגונגען פונעם גוף און די איברים צו זייער געוועהנליכער סדר און גאנג.

דערפאר האט מען מיר געשיקט צו די פיזיאטראפיע צימערן, ווי דער ברודער (אח) האט מיר אויפגענומען, און נאכן גוט דורכליינען דעם בלאט פון די אנווייזונגען פונעם דאקטער, הויפטזעכליך כדי צו היילן דעם ארעם, האט ער מיר דערלאנגט א גרינגע 'וואג-שטיין', און מיר געבעטן אז איך זאל עס אויפהייבן מיט מיין האנט.

אין אנהייב איז מיר דאס אנגעקומען גאנץ שווער. וויבאלד די האנט איז געווען זייער אפגעשוואכט, האט זי זיך נישט געוואלט אויפהייבן, און וויפיל איך האב עס פראבירט אויפהייבן איז עס מיר נישט געלונגען אויף קיין פאל.

נאכן פראבירן עטליכע מאל, איז דער ברודער צוגעקומען צו מיר וועלנדיג מיר ארויסהעלפן. ער האט צוגעהאלטן מיין האנט, און צוזאמען איז אונז געלונגען עס אויפצוהייבן געהעריג. נאכן איבערמאכן דעם איבונג עטליכע מאל, האט זיך די האנט צוריקגעקערט צו אירע געוועהנליכע באוועגונגען.

נאכן ענדיגן דעם גאנצן באהאנדלונג, האט מיר דער ברודער אנטפלעקט א סוד – אז אייגנטליך, ווען ער האט אנגעהאלטן מיין האנט, האט ער נישט צוגעלייגט קיין שום קראפט מיט זיין האנט כדי מיר צו העלפן אויפצוהייבן מיין האנט, ער האט נישט מער ווי אנגערירט מיין האנט מיט זיין האנט, אזוי אז דאס גאנצע פעולה פון אויפהייבן דעם וואג-שטיין, פון אנהייב ביזן סוף, איז געטון געווארן נאר מיט מיין אייגענעם כח! אן קיין שום הילף פון זיין זייט! און דעריבער האבן די אלע איבונגען טאקע אויפגעטון, וויבאלד איך האב אליין אויפגעהויבן מיין האנט!

דערפון איז ארויסגעקומען, אז דאס אליין וואס ער האט צוגערירט צו מיין האנט, איז געווען גענוג מיר צו געבן דעם שטיצע וואס האט מיר אויסגעפעלט אין מיין שוואכקייט, כדי זיך צו שטארקן און אליין באוועגן מיין האנט, און דורכדעם וועל איך אליין אנטפלעקן דעם וואונדערליכן כח וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אינעם האנט צו קענען אויפהייבן וואג-שטיינער און דאס גלייכן, וויבאלד אין יענער צייט זענען אט די כוחות געווען אפגעשוואכט און פארהוילן פון מיר!

איך בין ארויסגעגאנגען פונעם קליניק שטארק פארטראכט, ווי מיין שטייגער ארויסצונעמען א 'לקח טוב' פון יעדן איבערלעבעניש, און פראבירנדיג ארויסצונעמען א מוסר השכל פון דאס וואס דער אויבערשטער האט צוגעפירט צו מיר בהשגחה פרטית. און אט האב איך מיך ארויסגעלערנט ווי וויכטיג איז פארן מענטשן דאס שטיצע פון די ליבשאפט פון גוטע פריינט, און אפטמאל איז גענוג דער קשר אליין מיט א גוטן חבר, כדי צו שעפן דערפון א געוואלדיגער חיזוק, און באקומען א דערהייבונג אין דאס וואס מען דארף! נישט אלעמאל דארף דער חבר אייגנטליך ארויסהעלפן פיזיש מיט עפעס, אמאל דארף ער אפילו נישט געבן קיין עצה ארויסצוגיין פונעם פלאנטער, וויבאלד אלעס עקזיסטירט שוין ביי אים אליין, און איז שוין גרייט ביי אים אינעווייניג! ער דארף בלויז א שטארקע האנט אים צו שטיצן מיט ליבשאפט, און אזוי וועט ער אליין אנטפלעקן אז ער איז אימשטאנד זיך אליין ארויסצונעמען מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָּדוֹל, אמן.

[שם]


מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר ת.נ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לבנברג נלב"ע ט' אייר תשע"ז ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפציק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז


יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173